# פרשת חיי שׂרה 5758

## משה האָרוויטז און מאַדעלינע לי

(mhorwitz@compuserve.com)

איך וויל איבערגעבן עטלעכע טעמעס וואָס איך האָב סומירט פֿון אַ לאַנגער תּורה־דיסקוסיע מיט מײַן ווײַב אויף דער טעמע פֿון ערשטן זאַטז פֿון חיי שׂרה.

"און דאָס לעבן פֿון שׂרהן איס געווען הונדערט און זיבן יאָר און צוואַנציק יאָר; דאָס זײַנען געווען די יאָרן פֿון שׂרהס לעבן. און שׂרה איז געשטאָרבן אין קרית־ארבע, דאָס איז חבֿרון, אין לאַנד כּנען. און אַבֿרהם איז געקומען צו קלאָגן אויף שׂרהן און זי צו באַוויינען."

פֿלאַט שטעלט פֿאָר אַז הונדערט און צוואַנציק איז אַ טראַדיציאָנעלער עלטער און 7 איז אַ מיסטישער ציפֿער. אין אַן אַנדער בוך, געדענק איך ניט ווו, האָט מען דאָס געטײַטשט אַז שׂרה האָט געהאַט זייער אַ פֿולן לעבן. וואָס שייך דעם צווייטן זאַץ זאָגט מען אַז "צו קלאָגן און צו באַוויינען" האָבן צו טאָן מיט דעם פּערזענלעכן מאָמענט און דעם ריטואַל.

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. דער סאָמע באַמערקעווודיקסטער פֿאַקט וועגן דעם טויט פֿון שׂרה איז דאָס וואָס 1) עס קומט גלײַך נאָכן עפּיסאָד ווען יצחק דאַרף זײַן דער בראַנדאָפּפֿער צו גאָט און 2) מיר זעען נישט קיין וואָרט נאָך דעם צווישן שׂרהן און אַבֿרהמען — זי איז דערצו נאָך נישט געשטאָרבן אין דער היים; און דעריבער אפֿשר קען מען פֿאַרשטיין, אַז זי האָט פֿאַרלאָזן די היים אין גאַנצן.

דאָס איז דאָך אַ געשעעניש וואָס צו דעם דאַרף זײַן גאָר אַ סך מדרשים און וויכּוחים — און דערפֿאַר איז אויכעט אינטערעסאַנט, וואָס אין מדרש־ליטעראַטור פֿעלן הסברות פֿון שׂרהס טויט. (עס איז יאָ פֿאַראַן אײַן מדרש ["תּורה שלמה," 4, בלאַט 918, באַמערקונג 5], מיטן אינהאַלט אַז שׂרה איז געשטאָרבן פֿון אַ צעבראָכענעם האַרץ ווען זי האָט אויסגעגעפֿונען וואָס איז כמעט געשען. [אויך רש"י ברענגט דעם דאָזיקן מדרש אין זײַן פּירוש צו פּרשת וירא. ש"ב]) איינער אַ מעגלעכער צוגאַנג איז אָבער קלאָר: ווען שׂרה איז געוויר געוואָרן וועגן דעם וואָס אַבֿרהם איז געווען גרייט צו טאָן, אַן אַ וואָרט צו איר, האָט זי קיינמאָל נישט קיין וואָרט מיט אים גערעדט און מיט אים נישט געווינט. ס'איז געווען נישטאָ וואָס צו זאָגן!

איצט קום איך צוריק צו די קאַשעס וואָס זײַנען אויפֿגעהויבן געוואָרן אין אַ לאַנגער דיסקוסיע מיט מײַן ווײַב אין אונדזער תּורה־קרײַז: ס'איז קלאָר אַז גאָט האָט נישט געקאָנט זאָגן שׂרהן וואָס ער האָט געזאָגט אַבֿרהמען. נישט שׂרה, נישט קיין פֿרוי וואָלט אַקצעפּטירט אַזאַ באַפֿעל. גאָט האָט מסתּמא דאָס געוווסט.

פֿאַראַן אָבער איינער אַ מעגלעכער טעאָלאָגישער תּירוץ. אַז אַזאַ ברית צווישן גאָט און אַבֿרהם האָט שוין געדאַרפֿט זײַן — און אפֿשר פֿאַרשטיין מיר ניט פֿאַרוואָס — האָט עס געפֿאָלגט, אַז גאָט האָט געדאַרפֿט שלאָגן אַזאַ בונד נאָר מיט אַבֿרהם, און אָן שׂרהן.

אין שײַכות מיט דעם איז אינטערעסאַנט וואָס סײַ די טראַדיציאָנעלע מפֿרשים, סײַ פֿרויען וואָס האָבן זיך גענומען מיט חומש האָבן נישט געוואָלט באַהאַנדלען די דאָזיקע קשיא. עס איז אָבער צו אַ וויכטיקע פֿראַגע, און מע דאַרף דאַווקע אַרומרעדן פֿראַגעס וואָס זענען טרעוואָזשע. מע פֿאַרשטייט פֿון סאָמע אָנהייב אַז מיר וועלן נישט ענדיקן מיט האַנאָעדיקע ענטפֿערס. זיי וועלן זײַן ענטפֿערס וואָס הײַנטצײַטיקע לייענער פֿון חומש זײַנען צוגעוווינט צו זיי ווי דער פּרײַז פֿאַרן פֿאַרגרעסערן זייער פֿאַרשטאַנד פֿון אַ פּרשה אָדער אפֿילו אַ פּאָר זאַצן פֿון אַ פּרשה.